**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/14/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס אנאנסירן נייע ניו יארק פאנעל'ס פלאן פאר שריט**

***א נייע ניו יארק: מאכן ניו יארק ארבעטן פאר יעדן פלאן פאר שריט שטעלט אוועק 40 איניציאטיוון אלץ א מאפע פאר די צוקונפט***

***פלאן רעכנט אריין פינף אנגעלעגנהייטן אויף וועלכע זיך צו קאנצעטרירן אין 2023 צו שטיצן די ראיאנישע עקאנאמיע און מאכן ניו יארק סיטי פאר אפילו א בעסערע פלאץ צו וואוינען און ארבעטן***

***רעכנט אויך אריין רעקאמענדאציעס פון די 59 מיטגלידער פון די נייע ניו יארק פאנעל אנגעפירט דורך Robin Hood's CEO ריטשארד בוערי און געוועזענער Sidewalk Labs's CEO דען דאקטאראף***

גאווערנער קעטי האקול און מעיאר עריק עדעמס האבן היינט אנאנסירט די 'נייע ניו יארק: מאכן ניו יארק ארבעטן פאר יעדן' (*New* New York: Making New York Work For Everyone) פלאן פאר שריט אנטוויקלט דורך די 'נייע ניו יארק פאנעל' (*New* New York Panel) וואס די גאווערנער און מעיאר האבן צוזאמגעברענגט פריער דעם יאר. די פלאן פאר שריט רעכנט אריין א רייע פון 40 פארשלאגן מיט די ציהל צו דינען אלץ מאפע פאר די סיטי'ס צוקונפט און צו מאכן ניו יארק סיטי פאר אפילו א בעסערע פלאץ צו וואוינען און ארבעטן. די ברייטע און פארשידנארטיגע פאנעל פון בירגערליכע פירער און אינדוסטריע עקספערטן – געגרונדעט אין מאי 2022 און אנגעפירט דורך קאָ-טשעירס און געוועזענע דעפּיוטי מעיארס ריטשארד בוערי, CEO פון Robin Hood, און געוועזענער CEO פון Sidewalk Labs, דעניעל דאקטאראף – האט געארבעט פאר זעקס חודשים צו אהערשטעלן רעקאמענדאציעס פאר די סיטי און סטעיט אין א צייט פון היסטארישע איינשטימונג צווישן די צוויי. די רעקאמענדאציעס צענטרירן זיך ארום וויאזוי די סיטי און סטעיט קענען ארבעטן בשותפות איינער מיט די אנדערע אויף פארשידענע אנגעלעגנהייטן זיך צו קענען אויסמשל'ן פונדאסניי א 'נייע ניו יארק' וואס טרייט די סיטי און ראיאן פאראויס פאר די קומענדיגע קאפיטל פון איר וואוקס.

"א דאנק אן אויסערגעווענטליכע שותפות מיט מעיאר עדעמס און מיט די 'נייע ניו יארק' פאנעל, שטעלט די באריכט אהער א מאפע מיט אנווייזונגען צו א שטערקערע, מער יושר'דיגע און מער צוגענגליכע ניו יארק", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר לעבן מער נישט אין די זעלבע ניו יארק ווי עס איז געווען אין די אנהויב פון די פאנדעמיע, און די פארשלאגן וועלן העלפן ווידער אויפלעבן אונזערע ביזנעס דיסטריקטס, פארגרינגערן די טעגליכע רייזעס פון ניו יארקער, פארמערן גלייכקייט און זיך אפגעבן מיט אונזער האוזינג מאנגל פון 800,000 יוניטס. דאס זענען די סארט אנטשיידענע און אמביציעזע געדאנקען וואס מיר דארפן יעצט, און מיין אדמיניסטראציע קוקט ארויס צו גרונטליך איבערקוקן די רעקאמענדאציעס פון די פאנעל אין די קומענדיגע וואך צו באשטימען וויאזוי מיר זעצן פאר צו מאכן ניו יארק פאר א בעסערע פלאץ וואו צו וואוינען."

**ניו יארק סיטי מעיאר עדעמס האט געזאגט,** "ניו יארקער זענען אזויפיל אריבער אין די לעצטע דריי יאר, און אזוי ווי די געזעלשאפט טויששט זיך אין באדייטנדע וועגן, האט די לעצטע יאר געברענגט מיט זיך מערקווירדיגע צייכנענס פון ערהוילונג א דאנק אונזער פעסטקייט און שעפערישקייט. אונזער אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן צו בויען א נייע ניו יארק — א זיכערערע, מער יושר'דיגע און מער בליהענדע שטאט וואס וועט פארזעצן זיך צו צופאסן און צו בליהען דורכאויס די 21'סטע יאר הונדערט. און די פלאן לייגט אויס א קלארע חזון פאר קאארדינירטע סיטי, סטעיט, נאָן-פּראָפיט און פריוואטע סעקטאר שריט צו ווידער אויפלעבן די געגנטער וועלכע מוטשענען זיך נאך פון די פאנדעמיע און זיי אריינגעבן א נייע שוואונג אויף פאראויס. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און די גאנצע פאנעל פאר זייער שותפות אויף די קריטישע באמיאונג צו לייגן אונזער סיטי אויף די ריכטיגע רעלסן, און איך קוק ארויס צו פאראויס רוקן די ארבעט צוזאמען."

**קאָו-טשעיר פון 'נייע ניו יארק' און געוועזענער CEO פון Sidewalk Labs, דעניעל דאקטאראף, האט געזאגט,** "פון קריזיס קומט ארויס געלעגנהייט. טראץ די פאנדעמיע און די פראבלעמען וואס עס האט געברענגט מיט זיך – באזונדערס די השפעה וואס עס האט געהאט אויף די וועג וויאזוי מיר ארבעטן און אויף אונזערע קאמערציעלע דיסטריקטס – זענען באדייטנד, דערשרעקן זיך ניו יארקער קיינמאל נישט פון א שוועריגקייט. די באריכט פון די פאנעל איז געשריבן מיט א ברייטע בליק, עס איז אמביציעז, און די וויכטיגסטע — עס האט די איינשטימונג צווישן די גאווערנער און מעיאר אויף א שטאפל וואס קומט אמאל אין א יובל. מיר האבן די געלעגנהייט צו ברענגען וואוקס וואס איז יושר'דיג, צו ברענגען מענטשן צו וואו זיי דארפן גיין שנעלער, פונדאסניי אויסשטעלן אונזערע הויפט קאמערציעלע דיסטריקטס און מאכן ניו יארק סיטי די בעסטע פלאץ צו ארבעטן, נישט קיין חילוק וואס איר טוט אדער פון וואו איר טוט עס."

**קאָו-טשעיר פון 'נייע ניו יארק' פאנעל און CEO פון Robin Hood, ריטשארד ר. בוערי דזשוניאר, האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי איז אייביג געווען א שטראל פון האפענונג און א טרייב קראפט פאר געלעגנהייטן. איך בין אזוי שטאלץ אז די 'נייע ניו יארק' פאנעל צוזאמען מיט גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס גיבן היינט ארויס אונזער באריכט — שטופנדיג אן אמביציעזע חזון צו אויספארעמען ניו יארק פונדאסניי נאכן פאנדעמיע אלץ אן אריינגעמנדע שטאט וואס איז קאנצעטרירט אויפן צוקונפט מיט צענטראלע ביזנעס דיסטריקטס וואו מענטשן וואוינען, ארבעטן און שפילן 24/7; טראנספארטאציע פאליסיס וואס מאכן דאס גרינגער פאר מענטשן צו אנקומען וואו זיי ווילן גיין; און וואוקס סטראטעגיעס וואס פארזיכערן אז אלע ניו יארקער בענעפיטירן פון אונזער ערהוילונג. כאטש די פאנדעמיע האט איבערגעקערט אונזער וועלט פון אויבן אראפ, ברענגט עס אויך א געלעגנהייט וואס קומט איין מאל אין א דור צו מאכן ניו יארק סיטי פאר די בעסטע פלאץ וואו צו וואוינען און ארבעטן. יעצט איז עס אין אונזערע הענט צו זיכער מאכן אז די חזון וואס ווערט ארויסגעברענגט אין די בלעטער ווערן איבערגעטייטשט צו שריט און אז ניו יארק נעמט זיך אונטער צו אראפווארפן די שטרויכלונגען וועלכע האבן פארמיטן אזויפיל ניו יארקער פונעם פארווירקליכן זייערע חלומות און שטרעבונגען."

גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס האבן צוזאמען אנאנסירט די נייע ניו יארק פאנעל אין מאי 2022 צו אויספארשן די צוקונפט פון ניו יארק סיטי און די ראיאן'ס עקאנאמיע. כאטש וואס אין אנהויב האט די פאנעל זיך קאנצעטרירט נאר אויפן אויפלעבן ניו יארק סיטי'ס ביזנעס דיסטריקטס, באזונדערס די וועלכע האבן געמוזט לענגער זיך צו ערהוילן נאכפאלגנדיג די קאוויד-19 פאנדעמיע ווי מידטאַון און דאַונטאַון מאנהעטען, מיט דעם האט די פאנעל שנעלערהייט פארברייטערט זייער קאנצעטרירונג צו אדרעסירן אויף א ברייטערע ספעקטרום פון שוועריגקייטן וועלכע זענען פארבינדן איינער מיט די אנדערע און אפעקטירן אלע ניו יארקער – פון טראנספארטאציע באדערפענישן ביז האוזינג און די נויט פאר אסאך פובליק שטחים פאר טשיילד קעיר. די סיטי און סטעיט'ס פלאן פאר שריט שפיגלט אפ די פארברייטערטע קאנצעטרירונג דורך פארשלאגן דריי הויפט ציהלן וועלכע ארבעטן צוזאמען צו זיכער מאכן אז ניו יארק ארבעט פאר אלע ניו יארקער:

- **אויספארעמען ניו יארק'ס קאמערציעלע דיסטריקטס פונדאסנײ אלץ לעבעדיגע 24/7 דעסטינאציעס:** טראנספארמירן NYC'ס דיסטריקטס וואס ווערן גענוצט נאר פאר ביזנעס צו ווערן געוואלדיגע פלעצער וואו מענטשן וואוינען, ארבעטן און שפילן.
- **פארגרינגערן פאר ניו יארקער צו אנקומען צום ארבעט:** פארבעסערן טעגליכע רייזעס אריין אין מאנהעטען און פארשטערקערן באשעפטיגונג צענטערן און ארבעטספלעצער אריבער די 5 בארא־ס כדי מענטשן זאלן קענען ארבעטן נאענטער צו זייער היים.
- **אויפטרייבן אריינגעמנדע, צוקונפט-קאנצענטרירטע וואוקס:** שטיצן די וואוקס פון דזשאבס און ערפינדונגען און אוועקנעמען שטרויכלונגען צו די מעגליכקייט פון מענטשן צו האבן עקאנאמישע הצלחה.

מיט די דריי ציהלן צו ווייזן די וועג, שטעלט די פלאן אוועק 40 אינציאטיוון – צו ווערן פאראויס געשטופט דורך געזעצן, פאליסי ענדערונגען, נאך פינאנצירונג און דורך אנדערע שריט – וואס די גאווערנער און דער מעיאר קענען אננעמען אלץ א מאפע פאר די צוקונפט, אריינרעכענענדיג פינף הויפט אנגעלעגנהייטן אויף וועלכע צו אונטערנעמען שריט אין די קומענדיגע יאר:

- **מאכן מידטאַון און צענטראלע ביזנעס דיסטריקטס צו האבן נאך נוצן חוץ פון ביזנעס און צו זיין מער בויגזאם,** דורכן אוועקנעמען רעגולאטארישע שטרויכלונגען אויפן וועג צו טוישן און דעוועלאפּען פארעלטערטע אפיס געביידעס צו ווערן וואוינונגען פאר מענטשן און דורכן ערלויבן מער בויגזאמקייט צו טוישן די צוועק פון שטחים פאר עקאנאמישע אקטיוויטעטן.
- **אונטערנעמען גרויסע אינטערווענצן אין פובליק שטחים** צו טראנספארמירן מידטאַון און אנדערע ביזנעס דיסטריקטס צו ווערן מאדערנע, פיסגייער-אריענטירטע פלעצער און צו אוועקשטעלן א **נייע פאזיציע אין סיטי האָל פון דירעקטאר פון פובליק שטחים ( Director of Public Realm)** צו גיבן א צענטראליזירטע און ברייטע צוגאנג צו פובליק שטחים פאליסי, דרויסנדיגע אנגעלעגנהייטן און די קאארדינאציע פון פובליק שטחים פראיעקטן און פראגראמען וועלכע האבן צו טוהן מיט ראודס, סיידוואלקס און גראזיגע שטחים.
- **פארגרעסערן די סופלײ פון האוזינג** דורכן אוועקנעמען רעגולאטארישע שטרויכלונגען צו האוזינג וואוקס אריבער די שטאט צו פארגרינגערן פאר מענטשן זיך עס צו ערלויבן, צו פארקלענערן די צאל מענטשן וואס ווערן פארטריבן פון זייערע היימער און געגנטער און צו מוטיגן אריינגעמנדע קאמיוניטיס, צו זיכער מאכן אז ארבייטער האבן צוטריט צו סטאבילע האוזינג און גיבן ארבעטסגעבער די פארזיכערונג אז זיי קענען אנהאלטן צו זייערע טאלאנטפולע ארבייטער און צוציהען נייע אין ניו יארק סיטי. צו נאכקומען די דרינגנדע נויט אין אונזער האוזינג קריזיס, וועט די רייע פון סיטי און סטעיט געזעצן מוטיגן האוזינג פראדוקציע פאר מענטשן פון אלע איינקונפט שטאפלען צו אדרעסירן די נויט פאר הונדערטע טויזנטע נייע האוזינג יוניטס ארום די סיטי און סטעיט אין לויף פון די קומענדיע צען יאר.
- **פארמערן צוטריט צו דזשאבס און רעדוצירן די צייט ווי לאנג עס נעמט צו אנקומען צו מידטאַון און צו אנדערע ביזנעס דיסטריקטס.**
- **מאכן טשיילד קעיר צוגענגליך און אפּאָרדעבעל** צו העלפן ארבעטנדע פאמיליעס צו זיין א חלק פון די ארבעטסקראפט, צו פארווירקליכן זייער עקאנאמישע פאטענציאל און צו טרייבן פאר א יושר'דיגע ערהוילונג פונעם פאנדעמיע.

דאס איינפירן די פלאן פון שריט וועט זיין די אויפגאבע פון די 'נייע ניו יארק פירערשאפט גרופע' ( *New* New York Leadership Steering Group), א גרופע צוזאמגעשטעלט פון ביידע רעגירונגען דורך דעם דירעקטאר פון סטעיט אפעראציעס און פוירסט דעפיוטי מעיאר און אנגעפירט דורך דעם דעפיוטי סעקרעטאר פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג און ארבעטסקראפט און די דעפיוטי מעיאר פאר עקאנאמישע און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג. א נייע ספעציעלע הויפט יועץ וועט אויפגענומען ווערן אין די מעיאר'ס

אפיס פון פּאליסי און פלאנירונג (Office of Policy and Planning) צו אויפנעמען די מיטגלידער פון די פירערשאפט גרופע און צו איבערזעהן די טאג-טעגליכע פארוואלטונג פונעם דורכפירן די פלאן. מעיאר עדעמס און גאווערנער האקול פלאנירן צו מאכן נאך פּאליסי אנאנסן וועלכע זענען אינספירירט געווארן דורך די רעקאמענדאציעס אין די בעפארשטייענדע וואכן.

די פולע באריכט קען געלייענט ווערן דא.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער האָופ נייט האט געזאגט,** "ניו יארק'ס היסטאריע – און אודאי די היסטאריע פון אירע מענטשן – איז א געשיכטע פון געלעגנהייטן וועלכע באזיגן שוועריגקייטן. די געדאנקען וועלכע זענען פארגעשלאגן געווארן דורך די 'נייע ניו יארק' פאנעל וואס איז צוזאמגערופן געווארן דורך גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס נעמען די געשיכטע און נעמען ארויס דערפון למעשה'דיגע זאכן, באזונדערס ביים קוקן אויף שטארקע, שטאנדהאפטיגע לאקאלע קאמערציעלע דיסטריקטס אלץ די יסוד און פראנט פון אונזער עקאנאמישע ערהוילונג."

**סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "דורכאויס די היסטאריע פון אונזער לאנד האט ניו יארק סיטי זיך אייביג ערפאלגרייך צוריק אויפגעשטעלט ווי קיין איין אנדערע שטאט אין די וועלט האט געטוהן, און מיר זענען אומשטאנד און גרייט דאס צו טוהן נאכאמאל. עס איז נישטא קיין אנדערע פלאץ מיט אזויפיל אייגנארטיגע געלעגנהייטן ווי ניו יארק סיטי, און איך לויב אויס גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס פארן ארבעטן צוזאמען אויף די בלופּרינט צו רוקן די סיטי און די ארומיגע ראיאנען אויף פאראויס. די פלאן איז צו אויספארעמען פונדאסניי א שטאט וואס מיר אלע האבן ליב און צו ארבעטן צוזאמען עס צוריקצוברענגען בעסער פון סיי ווען אין די פארגאנגענהייט, מיט טראנספארטאציע שפילנדיג א הויפט ראלע אין די באמיאונגען. וויאזוי מיר רוקן מענטשן און סחורה פון איין פלאץ צום צווייטן – זיכערערהייט און גלאטערהייט – בשעת'ן שאפן נייע געלעגנהייטן פאר א בעסערע קוואליטעט פון לעבן איז ביי די הארץ פון די חזון וואס איז פארגעלייגט געווארן דורך די גאווערנער און דעם מעיאר. דאס איז א מאפע צו צוקונפטיגע הצלחה אונטער וועלכע אלע ניו יארקער קענען זיך שטעלן, און וויכטיגער דערפון — עס איז א פאראייניגטע חזון פאר א נייע ניו יארק."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס ( Office of Children and Family Services, OCFS) קאמישאנער, שילע דזש. פּויל, האט געזאגט,** "די צוזאמענארבעטנדע פלאן פארברייטערט די סטעיט'ס היסטארישע אינוועסטירונגען אין טשיילד קעיר וואס די OCFS האט שטאלצערהייט פארטיילט דורכאויס די יארן. ארבעטנדע פאמיליעס זענען די שטערקסטע ווען זיי קענען זיך פארלאזן אויף די בויגזאמקייט וואס קומט פונעם האבן טשיילד קעיר פראגראמען פון א הויכע קוואליטעט און פאר צוגעלאזענע פרייזן. מיר מוזן אויך טוהן אלעס וואס מיר קענען צו שטיצן פרויען אין די ארבעטסקראפט דורכן פארזיכערן מער צוטריט צו די פראגראמען. איך בין באגייסטערט צו זעהן וויאזוי די פאנעל'ס רעקאמענדאציעס וועלן נאך מער פארבעסערן אונזערע מידלאזע באמיאונגען צו ערפילן די מיסיע."

**MTA טשעיר און CEO דזשענאָו ליעבער האט געזאגט,** "מאסן טראנספארטאציע איז די לופט צום אטעמען פאר די ניו יארקע מעטראפאלין ראיאן. יעדן טאג פארלאזן זיך איבער 5 מיליאן ניו יארקער אויף סאָבוועיס, באסעס און פאסאנזשיר באנען צו אנקומען צום ארבעט, צו סקול און צו אנדערע דעסטינאציעס. די MTA אפלאדירט די געמיינזאמע איבערגעגעבנקייט פון גאווערנער האקול, מעיאר עדעמס און פון פריוואטע קערפערשאפטן צו אינוועסטירן אין פובליק טראנספארטאציע, א זאך וואס וועט אונטערשטיצן עקאנאמישע אנטוויקלונג, שאפן נייע דזשאבס און אריינשיקן די ראיאן'ס וואוקס אין די צוקונפט."

**סטעיט סענאטאר לואיס סעפּאוועלדע האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי'ס ארטיגע ביזנעס דיסטריקטס זענען די גייסט פון די סיטי. זיי גיבן א כאראקטער און געפיל פון קאמיוניטי פאר אונזער סיטי. איך לויב אויס מעיאר עדעמס און גאווערנער האקול פארן צוזאמברענגען די נייע ניו יארק פאנעל צו פונדאסניי אויספארעמען און אנטוויקלען א יושר'דיגע ערהוילונג פלאן נאכן פאנדעמיע. איינס פון די הויפט ציהלן פון די פאנעל – 'פארגרינגערן פאר ניו יארקער צו אנקומען צום ארבעט' – איז איינס וואס איך טייל אויך מיט, און עס איז מיר א פארגעניגן אז איך האב געקענט ביישטייערן צו די באמיאונג און פארשלאגן קאפיטל 544 פון די געזעצן פון 2022 (S.9120A) וואס וועט ערמעגליכן די פען סטאנציע צוטריט (Penn Station Access) פלאן זיך צו פאראויס רוקן און ברענגען פיר נייע Metro-North סטאנציעס צו די בראנקס."

**אסעמבלי מיטגלידערין עימי פאולין האט געזאגט,** "די פאנדעמיע און די נאכפאגלנדע השפעות זענען א גאלדענע געלעגנהייט צו מאכן ניו יארק שטערקער. דאס איז אונזער געלעגנהייט זיך צו ערהוילן אויף א וועג וואס מאכט אונזער עקאנאמיע וואקסן אויף א וועג וואס איז שטאנדהאפטיג און העלפט אלע קאמיוניטיס. איך בין אזוי דאנקבאר אז גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס האבן אנערקענט און אויסגענוצט דעם מאמענט אין היסטאריע צו פונדאסניי ערפינדען ניו יארק אלץ א דעסטינאציע צו ארבעטן, וואוינען און פארן."

**אסעמבלי מיטגלידערין דזשעניפער ראדזשקומאַר האט געזאגט,** "די בעסטע וועג צו פאראויסזעהן די צוקונפט איז עס פשוט צו מאכן, און דאס איז גענוי וואס מעיאר עדעמס און גאווערנער האקול האבן עררייכט מיט 'נייע ניו יארק'. אזוי ווי מיר קומען ארויס פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, שטייט ניו יארק אויף א פרעצעדענטלאזע פרשת דרכים וואו זי קען פונדאסניי אויספארעמען אונזער סיטי און די וועג וויאזוי זי קען די בעסטע דינען אלע ניו יארקער, און אונזערע עקזעקיוטיוו פירער האבן געענטפערט די רוף. די פלאן צו אריינברענגען וואוינונג זאָנינג אין ביזנעס דיסטריקטס, צו פארשנעלערן טעגליכע רייזעס צום ארבעט און צו שטופן פאר נייע דזשאבס און צו ערמעגליכן מענטשן צו מצליח זיין עקאנאמיש וועלן אוועקלייגן אונזער סיטי אויף די רעלסן צו זיין די מערסטע לעבעדיג, ערפאלגרייך און גלייך וואס עס איז געווען אין די היסטאריע. איך קוק ארויס צו ארבעטן בשותפות מיט די מעיאר און גאווערנער צו איינפירן 'נייע ניו יארק', פארזיכערנדיג פילע לעכטיגע טעג וואס ליגן אין די צוקונפט פאר ניו יארקער."

**קווינס באראו פרעזידענט דאנאוון ריטשארדס דזשוניאר האט געזאגט,** "די קאוויד-19 פאנדעמיע'ס וייט-גרייכנדע השפעה אויף אונזער וועג פון לעבן רופט אונז צו אויפקומען מיט אנטשיידענע נייע וועגן צו מאכן וואקסן און היטן אויף אן עקאנאמיע וואס וועט באמת בענעפיטירן יעדן איינעם אין קווינס און אריבער די סיטי. די רעקאמענדאציעס פון די 'נייע ניו יארק' פאנעל פלאסטערן אויס א זיכערע וועג צו פארזיכערן אן ערפאלגרייכע צוקונפט פאר אונזערע דיסטריקטס און פארן אנקומען צו א יושר'דיגע און שטאנדהאפטיגע עקאנאמיע פאר די גאנצע ראיאן. איך לויב אויס גאווערנער האקול, מעיאר עדעמס און אלע וועלכע האבן געארבעט אויף די פלאן פאר שריט פארן אנטוויקלען די פאראויס-קוקנדע צוגאנג וואס מיר דארפן צו ווייזן די וועג פאר אונזער צוקונפטיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג."

**סטעטן איילענד באראו פרעזידענט, וויטאָו דזש. פאָסעלא, האט געזאגט,** "איך אפלאדיר און שטיץ גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס פארן אונטערנעמען די אינציאטיוו. ניו יארק סיטי מוז בעיקר זיך קענען צופאסן און זיך טוישן צו זיין מער פריינטליך צו ביזנעסער מיט מינימאלע ביוראקראטיע. אזוי ווי סטעטן איילענד ווערט טייל דערפון איז דא א גאלדענע געלעגנהייט צו אויפלעבן די צפון ברעגע און די קוואליטעט פון לעבן איינמאל פאר אלעמאל. די ארבעט אויף די נייע ניו יארק פאנעל איז ערווארטעט צו פארזיכערן אז אונזער שטאט בלייבט די וועלט'ס פירער אין געוואלדיגע אריינגעמנדע פלעצער וואו ניו יארקער קענען וואוינען, ארבעטן און שפילן."

**בראנקס בעראו פרעזידענט וואנעסא ל. גיבסאן האט געזאגט,** "מיט א געמיינזאמע קאנצענטרירונג צוריק צו אויפלעבן אונזער סטעיט און סיטי עקאנאמיע, האבן מעיאר עדעמס און גאווערנער האקול געלייגט א פריאריטעט אויף גלייכקייט און יושר מיטן צוזאמרופן די נייע ניו יארק פאנעל. די נייע און היסטארישע צוגאנג האט געברענגט מבינים פון אונזער געגנט צו ווייזן די וועג און באגלייטן אונזערע נייע ביזנעסער, קליינע ביזנעסער און קערפערשאפטן מיט די ציהל זיי צו זעהן בליהען אין די היינטיגע מאדערנע עקאנאמיע. א דאנק פאר מעיאר עדעמס, גאווערנער האקול און די ניו יארק סיטי עקאנאמישע אנטוויקלונג קערפערשאפט (Economic Development Corporation) פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו איבערמאכן אונזערע קאמערציאלע ראיאנען, צו די מעגליכקייט פון מענטשן צו פארבעסערן זייער עקאנאמישע צושטאנד און צו אוועקנעמען שטרויכלונגען וואס שטייען אין וועג פאר היסטאריש באזייטיגטע קאמיוניטיס פון טרעפן ארבעט. מיר קוקן ארויס צו זעהן די פלאן פאר שריט ווערנדיג אויסגעפירט."

**פוירסט דעפיוטי מעיאר לאָרעין גרילאָו האט געזאגט,** "די היינטיגע פלאן פאר שריט דעמאנסטרירט א פאראייניגטע חזון פאר די סיטי פון דעם מעיאר און גאווערנער צו פונדאסנייי אויספארעמען אונזערע קאמערציעלע דיסטריקטס, פארגרעסערן די סופליי פון האוזינג און שטיצן ארבעטנדע פאמיליעס. איך לויב אויס די נייע ניו יארק פאנעל און אירע קאָו-טשעירס, ריטשארד בוּערי און דעניעל דאקטאראף, פאר זייער שעפערישקייט און איבערגעגעבנקייט ביים אנפירן די פארשידנארטיגע גרופע פון פארמישטע פארטייען צו ברענגען רעזולטאטן: 40 אינציאטיוון פאר וועלכע מיר זאלן ארבעטן צו אויפלעבן די סיטי."

**דעפיוטי מעיאר פאר עקאנאמישע און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג, מאריא טארעס-ספּרינגער, האט געזאגט,** "אין לויף פון הונדערטע יארן און אריבער פארשידענע קריזיסער האבן מיר געמאכט באשלוסן וועלכע האבן געטוישט די ריכטונג פון אונזער היסטאריע, די לעבנס פון אונזערע מענטשן און די גורל פון אונזערע אינדוסטריעס. איך בין באגייסטערט ביז גאר אז די סיטי און סטעיט מאנשאפטן פארעפנטליכן היינט די פלאן פאר שריט וואס וועט טוהן דאס זעלבע און ארויפבויען אויף חודשים פון שווערע ארבעט און אומשאצבארע געדאנקען פון די נייע ניו יארק פאנעל. יעצט הויבט זיך אן די שווערע ארבעט צו איינפירן די פלאן, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די ברייטע און וואקסנדע קאאליציע פון שותפים וואס די באמיאונג האט צוזאמגעברענגט צו בויען א שטערקערע סיטי וואס ארבעט פאר יעדע ניו יארקער און וואס זעצט פאר צו פירן די וועלט."

**דעפיוטי מעיאר פאר סטראטעגישע אינציאטיוון, שינע רייט, האט געזאגט,** "מיט די פארענפטליכונג פון די 'מאכן ניו יארק ארבעטן פאר יעדן' פלאן פאר שריט, הויבט זיך היינט אן די נייע קאפיטל פון ניו יארק סיטי פון מארגן. די זאך וואס איז אין פארנט און אין צענטער פון די פלאן איז צו פארשטערקערן אונזער עקאנאמיע — אבער פון א קוק ווינקל פון יושר און גלייכקייט, בויענדיג אויף די יסודות פון די אדמיניסטראציע'ס מולטי-ביליאן דאלארדיגע טשיילד קעיר בלוּפּרינט און אראפברעכנדיג היסטארישע שטרויכלונגען וועלכע האבן פון לאנג פארמיטן פון טונקל-הויטיגע קאמיוניטיס די מעגליכקייט צו פארבעסערן זייער עקאנאמישע מצב. איך אפלאדיר די צוזאמענארבעט צווישן פארשידענע סעקטארן און די אנטשלאסענע חזון וואס וועט טראנספארמירן אונזער סיטי צום גוטן."

**דעפיוטי מעיאר פאר אפעראציעס, מירע דזשאָושי, האט געזאגט,** "די פאנדעמיע האט אויפגעדעקט די געזעלשאפליכע און עקאנאמישע נויטיגקייט פון א שעפערישע, ברייטע און דורכגעטראכטע צוגאנג צו דעזיינען און פארברייטערן אונזער סיטי'ס פובליק פלעצער. אזוויוי די נאטור פון אפיס ארבעט טוישט זיך, דארפן מיר אויך פונדאסניי אויספארעמען אונזערע ביזנעס דיסטריקטס ארום די סיטי אלץ פובליק פלעצער דורכן זיי טראנספארמירן צו ווערן מאדערנע, פיסגייער-פריינטליכע און אריענטירטע דעסטינאציעס פאר איינוואוינער און טוריסטן אין יעדע עלטער."

**טשיעף האוזינג אפיסער, דזשעסיקע קאץ, האט געזאגט,** "די נייע ניו יארק פאנעל שטעלט פאר א קלארע חזון פארן צוריקברענגען די סיטי פון די פאנדעמיע נאך שטערקער פון סיי ווען בעפאר, און דאס רעכנט אריין זיכער מאכן אז אלע אונזערע שכנים האבן די האוזינג, שטיצע און הילפס-מיטלען וואס זיי דארפן. איך אפלאדיר געוועזענע דעפיוטי מעיארס בוערי און דאקטאראף פאר זייער אנגייענדע איבערגעגענקייט צו אונזער סיטי, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט יעדן איינעם אזוי ווי מיר בויען א נייע ניו יארק צוזאמען."

**ניו יארק סיטי עקאנאמישע אנטוויקלונג קערפערשאפט פרעזידענט און CEO, ענדרו קימבאל, האט געזאגט,** "די 'מאכן ניו יארק ארבעטן פאר יעדן' פלאן פאר שריט ווייזט אן א נייע וועג פאראויס פאר ניו יארק סיטי וואס פארעמט פון פריש אויס אונזערע קאמערציעלע ביזנעס דיסטריקטס מיט מער געביידעס פאר מערערע באנוצן און גרויסארטיגע פארבעסערונגען צו פובליק שטחים, מאכנדיג עס גרינגער און גרינגער זיך צו ערלויבן פאר ניו יארקער צו אנקומען פון איין פלאץ צום אנדערן, בשעת'ן אויפטרייבן יושר'דיגע עקאנאמישע וואוקס. די סעריע רעקאמענדאציעס, אנגעפירט דורך צוויי געוועזענע דעפיוטי מעיארס און טייל פון ניו יארק'ס טיפסטע דענקער ווייזט ארויס די אומאויסגענוצטע פאטענציאל נישט נאר פון מידטאַון אבער פון די גאנצע ניו יארק סיטי ראיאן. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט מיינע שותפים אין רעגירונג און מיט די פריוואטע סעקטאר צו ברענגען די רעקאמענדאציעס צו אויסגעפירט ווערן און צו פארזעצן צו בויען א מער לעבעדיגע און אריינרעמנדע עקאנאמיע פאר אלע ניו יארקער."

**סיטי פלאנירונג קאמיסיע טשעיר און ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון סיטי פלאנירונג דירעקטאר, דען גארדאניק, האט געזאגט,** "דאס איז א קלוגע פלאן פון א מאס וואס פאסט פאר ניו יארק סיטי, דעזיינט צו קאנפראנטירן אונזערע יעצטיגע שוועריגקייטן פון פארנט. צוזאמען קענען מיר בויען א סיטי וואס העלפט ניו יארקער צו גרינגער טרעפן א היים וואס זיי קענען זיך ערלויבן, א שיין-באצאלטע דזשאב און א גלאטע טעגליכע רייזע פון און צו די ארבעט, און אזוי אויך צו געניסן פון אפילו בעסערע אפענע פובליק שטחים. לאמיר זיך נעמען דערצו."

**מעיאר'ס אפיס פאר טאלאנט און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג עקזעקיוטיוו דירעקטארין, עבי דזשאָו סיגאל, האט געזאגט,** "די נייע ניו יארק פאנעל'ס ציהלן און רעקאמענדאציעס האבן ריכטיגערהייט איינגעזעהן אז וואוקס וואס נעמט יעדן אריין און וואס איז קאנצעטרירט אויף די צוקונפט ווענדט זיך אויפן אוועקשטעלן ניו יארקער אויפן וועג צו א סוקסעספולע קאריערע אנגעהויבן שוין אין קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס און דורכאויס זייערע גאנצע לעבנס. אויסשטעלן פונדאסניי די ניו יארק סיטי ארבעטסקראפט אנטוויקלונג באורד, אריינברענגען למעשה'דיגע ציהלן פאר די הצלחה פון סטודענטן אין קאריערעס און געלעגנהייטן צו לערנען פון די ארבעט אין ניו יארק סיטי פובליק סקולס און אין סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק סיטי פראגראמען און פארברייטערן געלעגנהייטן פאר ניו יארק סיטי צו פארדינען בשעת'ן ארבעטן זיך צו פארדינען דיפלאמעס וואס העכערן זייער ווערט ביי ארבעטסגעבער זענען פראקטישע שריט וואס מיר קענען אונטערנעמען צו שאפן א מער אריינרעמנדע עקאנאמיע און הצלחה וואס איז באמת מיטגעטיילט."

**ניו יארק סיטי טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation, DOT) קאמישאנער, אידעניס ראדריגעז, האט געזאגט,** "ביזנעסער בליהען אין פלעצער וואו די DOT שאפט פריינטליכע פובליק פלעצער פאר פיסגייער און ביציקליסטן. אזוי ווי מיר זעצן פאר מיט אונזער ערהוילונג פון די פאנדעמיע, איז די DOT איבערגעגעבן צו איבערמאכן אונזערע געסער צו שאפן א געזונטערע און לעבעדיגערע סיטי. מיר באדאנקען מעיאר עדעמס פאר זיין ווייטע בליק און פאר די געוואלדיגע שותפות מיט די גאווערנער — און מיר קוקן ארויס צו אפילו נאך מער צוזאמענארבעט אויף די באגייסטערנדע איניציאטיוון."

**ניו יארק סיטי דעפּאַרטמענט פון קליינע ביזנעסער סערוויסעס קאמישאנער, קעווין ד. קים, האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי'ס צוקונפט איז געבויט אויף א גייסט פון ערפינדונג. די פלאן פאר שריט באשטייט פון מהפכה'דיגע געדאנקען צו פונדאסניי אויספארעמען אונזערע קאמערציעלע ראיאנען, פארבעסערן טראנספּארטאציע און פארזיכערן אז אונזער סיטי איז קאנצענטרירט ארום וואוקס בשעת'ן שטיצן נייע ביזנעסער. אונזערע קליינע ביזנעסער און די מיליאנען איינוואוינער וואס טוהן סיי ארבעטן און סיי איינקויפן ביי זיי וועלן אסאך בענעפיטירן פון די פלאן."

**ניו יארק סיטי סאניטאציע דעפּאַרטמענט קאמישאנער, דזשעסיקע טיש, האט געזאגט,** "די אדמיניסטראציע איז געווען קלאר: די שטאטוס קווא גייט שוין מער נישט ארבעטן פון יעצט. מיר זענען איבערגעגעבן צו טראכטן פונדאסניי איבער מיסט זאמלונג, באטראכטן דאס אוועקשטעלן קאנטעינערס פאר מיסט און שליסליך אויספירן די ארבעט פאר ריינקייט כדי ניו יארק זאל קענען צוריקקומען שטערקער פון סיי ווען בעפאר."

**ניו יארק סיטי דעפּאַרטמענט פון קולטורישע אנגעלעגנהייטן (Department of Cultural Affairs) קאמישאנער, לאורי קומבאָ, האט געזאגט,** "קונסט און קולטור זענען די הארץ פון וואס מאכט ניו יארק פאר אזא ווירבלנדע און לעבעדיגע פלאץ וואו צו וואוינען, ארבעטן און שפּילן. איך בין באגייסטערט זיך צו נעמען צום ארבעט אויף די נייע ניו יארק פאנעל'ס ווייט-גרייכנדע פּאָרן אינוועסטירן אין- און אויסנוצן אונזערע קולטורישע פארמעגנס כדי זיי זאלן קענען בייזשטייערן צו די הצלחה פון אונזערע לאקאלע ביזנעסער און ארטיגע צענטערן."

**ניו יארק סיטי פובליק דעזיין קאמיסיע (Public Design Commission, PDC) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, סרעאָשי בענערדזשיע, האט געזאגט,** "עס איז מיר געווען אן אייגנארטיגע פארגעניגן צו זיין טייל פון די שעפערישע דיסקוסיעס דורכאויס די פארגאנגענע זעקס חודשים. פלאנירן און אנהאלטן הערליכע, צוגענגליכע און אריינגעמנדע אינטערווענצן אין פובליק שטחים וועלן גיין א לאנגע וועג צו שאפן לעבעדיגע דעסטינאציעס און איינוואוינער-פריינטליכע געגנטער ארום אונזערע ביזנעס דיסטריקטס. די PDC שטייט גרייט צו העלפן די צוקונפטיגע דירעקטאר פון די פובליק שטחים קאמיסיע ביים שאפן א ברייטע צוגאנג צו קאארדינירן בליהענדע פובליק שטחים."

**NYC און קאמפאני פרעזידענט און CEO, פרעד דיקסאן, האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי'ס טוריזם עקאנאמיע ביישטייערט הונדערטע טויזנטע דזשאבס, עס שטיצט ביזנעסער אין אלע פינף בעראוס און שטעלט ארויס ניו יארק סיטי אלץ איינס פון די וועלט'ס הויפט דעסטינאציעס פאר ביזנעס און וואקאציע רייזע. מיר באגרוסן די היינטיגע רעקאמענדאציעס דורך די נייע ניו יארק פאנעל און מיר שטיצן א ברייטע סטראטעגיע צו פארזיכערן אנגייענדע אינוועסטירונג און ערפינדונג וואס שטיצט ניו יארק סיטי'ס ערהוילונג און וואוקס."

**מעיאר'ס אפיס פון מידיע און אונטערהאלטונג (Office of Media and Entertainment) קאמישאנער, ען דעל קאסטיאָו האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי איז די שעפערישע הויפטשטאט פון די וועלט, שטיצנדיג מער פון 500,000 דזשאבס און 150 ביליאן דאלאר אין עקאנאמישע אקטיוויטעט אין די מידיע און אונטערהאלטונג אינדוסטריעס. מיר קוקן ארויס צו די נייע ניו יארק פאנעל אויספארעמענדיג פונדאסניי די קאמערציעלע דיסטריקטס אלץ ווירבלנדע צענטערן פאר שעפערישקייט, ערפינדונג און אריינגעמנדע וואוקס וואס וועט העלפן פארשטערקערן די קריטישע סעקטארן וועלכע זענען די הארץ און גייסט פון אונזער שטאט."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין אמענדע פאריאס האט געזאגט,** "יושר'דיגע עקאנאמישע ערהוילונג מוז זיין די הויפט פריאריטעט פון אונזער סיטי'ס פירערשאפט. גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס האבן דאס קלאר געמאכט מיט די נייע ניו יארק פלאן וואס איז היינט אנאנסירט געווארן. די

אינציאַטיוון ווייזן אַ שטייפע איבערגעגעבנקייט צו אינוועסטירונגען אין אונזערע קאַמיוניטיס, ביזנעסער און אינדוסטריע וואוקס, טראַנספּאַרטאַציע און אַ צוקונפט וואָס איז קאָנצענטרירט אויף ניו יאָרק סיטי'ס ערהוילונג. די פּלאַן אַנערקענט די געברויכן פון אונזערע טונקל-הויטיגע קאַמיוניטיס וועלכע ערהוילן זיך נאָך פון די פּאַנדעמיע, בשעת'ן אויך אַרבעטן צו פאַרשטערקערן אונזערע עקזיסטירנדע קאָמערציעלע דיסטריקטס אין מאַנהעטען און די דרויסנדיגע באָראָס. אַלץ פאַרזיצערין פון די קאָמיטעט פאַר עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג (Committee on Economic Development), קוק איך אַרויס צו זיין אַן אַקטיווע שותּפ'טע אינעם אויספירן די נייע ניו יאָרק פּלאַן."

**דירעקטאָר פון גלאָבאַלע קולטור, גלייכקייט און אַריינגעמונג, און פון די צענטער פאַר אויסגעצייכנטקייט ביי Walmart, וויקטאָר קאַליס, האָט געזאָגט**, "אַ יושר'דיגע ערהוילונג מוז זיין אַ צוגענגליכע ערהוילונג, און עס איז מיר געווען אַ פאַרגעניגן צו אַרבעטן מיט די אַנדערע פּאַנעליסטן צו לייגן די באַדערפענישן פון ניו יאָרקער מיט דיסאַביליטיס אין פאָרנט. אַ דאַנק פאַר מעיאָר עדעמס, גאָווערנער האָקול און די נייע ניו יאָרק מאַנשאַפט פאַרן פאַרזיכערן אַז די וויכטיגע באַפעלקערונג איז אַריינגענומען געוואָרן אין באַטראַכט און אַז די פאַרעפנטליכטע פּלאַן פאַר שריט שפּיגלט אָפּ די פאַרשידנאַרטיגקייט וואָס מיר אַלע קענען און האָבן ליב איבער ניו יאָרק."

**פּרעזידענט און CEO פון Grand Central Partnership, פרעד סערוּלאָ, האָט געזאָגט**, "עס איז מיר געווען אַן עהרע צו געבעטן ווערן דורך מעיאָר עדעמס און גאָווערנער האָקול צו דינען צוזאַמען מיט אַזאַ ברייטע און פאַרשידנאַרטיגע גרופּע פון בירגערליכע און ביזנעס פירער אויף די נייע ניו יאָרק 'בלויע-ריבאַן' פּאַנעל צו העלפן פאַראויס שטופּן אַ סיטי-סטייט אַגענדע פאַר לאַנג-טערמיניגע, טראַנספאָרמאַטיווע אינציאַטיוון צו אויפלעבן און גיבן נייע צוועקן פאַר אונזערע צענטראַלע ביזנעס דיסטריקטס צו ווערן לעבעדיגע און זיכערע קאַמיוניטיס פאַר 24/7 וואו ניו יאָרקער קענען אַרבעטן, פאַרן און וואוינען. איך קוק אַרויס צו אַרבעטן מיט אונזערע שותּפים אין רעגירונג און מיט אונזערע שכנות'דיגע פאַרמישטע פּאַרטייען אויף פילע פון די באַגייסטערנדע געדאַנקען אַזוי ווי מיר רוקן זיך אַריין אין די נייע יאָר."

**גרונדער און שעפערישע דירעקטאָר פון Practice for Architecture and Urbanism, ווישאַן טשאַקראַבאַרטי, האָט געזאָגט**, "די פּלאַן פאַר שריט שטעלט אַוועק די גרויסע געדאַנקען וואָס מיר דאַרפן איינפירן אויף אַ באַלדיגן פאַרנעם אין אַנטוואָרט צו אונזער נייע רעאַליטעט — אויב מיר ווילן אַז יעדער ניו יאָרקער היינט און אין די צוקונפט זאָל זיין סוקסעספול, מוזן מיר פאַרבעסערן אונזער מיטגעטיילטע קוואַליטעט פון לעבן דורכן בויען לעבעדיגע ערשט-קלאַסיגע פּובליק שטחים; מיר מוזן מאַכן אונזערע קאָמערציעלע דיסטריקטס צו זיין פאַר מער באַנוצן דורך סטראַטעגיש טוישן אָפּיס געביידעס צו ווערן וואוינונגען; מיר מוזן פאַרקערצערן די צייט פון טעגליכע רייזעס און פאַרבעסערן די ערפאַרונג פון טעגליכע רייזעס דורכן רעדוצירן באַנוץ מיט פּריוואַטע קאַרן; און מיר מוזן פאַרשטערקערן אונזער געזעלשאַפטליכע אינפראַסטרוקטור. צייט איז וויכטיג — מיר קענען און מוזן דאָס טוהן יעצט."

**פּרעזידענט און CEO פון די Hotel Association of New York City (האָטעל אַסאָוסיעישען פון ניו יאָרק סיטי), ווידזשעי דענדעפּאַני, האָט געזאָגט**, "אַלץ אַ גאָר אויפגעהייטערטע און ענטוזיאַסטישע פּאַרטיי וואָס איז פאַרמישט אין די סיטי און אַלץ אַ שטיצער פון ניו יאָרק סיטי'ס צוריקקער צו איר פּאָזיציע צווישן די וועלט'ס-קלאַסישע שטעט, איז די Hotel Association of New York City באַגייסטערט צו זעהן די פאַרגעשלאָגענע אינציאַטיוון פון די מעיאָר'ס נייע ניו יאָרק פּאַנעל: מיר זענען זיכער אַז די אינציאַטיוון וועלן נישט נאָר ברענגען ניו יאָרק צוריק צו די פאָרנט, נאָר עס וועט אונז אויך נעמען צו נייע הייעכן."

**טשיף רעוועניו אָפיסער פון Nabr און באַזוכנדע געלערנטע ביי Cornell Tech Urban Tech Hub, קערע עקהאָלם, האָט געזאָגט**, "איינפירן די פּאַנעל'ס רעקאָמענדאַציע וועט העלפן ניו יאָרק

אנהאלטן איר אידענטיטעט אלץ א פראנט פון שטאנדהאפטיגע שטאטישקייט. אלץ דער פערטער דור אין ניו יארק וואס האט פארלוירן א פאמיליע מיטגליד צו קאוויד, בין איך אזוי שטאלץ צו זעהן די סיטי און סטעיט ארויסקומענדיג פון די פאנדעמיע אלץ א פאראייניגטע פראנט. א רייע אינציאטיוון אנגעהויבן פון א פארבעסערטע ביציקל נעטווארק ביז א פארברייטערטע פילאט פראגראם פאר שטאטישע טעכנאלאגיע וועט ברענגען לעבעדיגקייט צו די סיטי."

**עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט פון Shubert Organization און באורד פארזיצער ביי NYC און קאמפאני, טשארלס פלעיטמען, האט געזאגט,** "די היינטיגע פארעפנטליכונג פון די נייע ניו יארק רעקאמענדאציעס ווייזט אויף א קלארע אנטשלאסנקייט צו פארזיכערן ניו יארק סיטי'ס ערהוילונג. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול, מעיאר עדעמס און די פאנעל'ס ארבעט ביים אידענטיפיצירן א ברייטע סטראטעגיע צו אהערשטעלן די מיטלען צו שטיצן לאנג-טערמיניגע עקאנאמישע וואוקס פאר די טוריזם און גאסטגעבונג אינדוסטריעס און זייערע ביישטייערונגען צו די סיטי'ס עקאנאמישע שטאנד."

**אסאָוסיעיט פראפעסאר ביי Medgar Evers College פון די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק, וואלעס פארד דער צווייטער, האט געזאגט,** "עס איז מיר געווען א פארגעניגן און אן עהרע צו געבעטן ווערן צו אנטיילנעמען אין די נייע ניו יארק פאנעל וואס האט אוועקגעשטעלט אן אמביציעזע און זייער אויספירבארע פלאן וואס וועט רעזולטירן אין א נייע און פארבעסערטע ניו יארק סיטי. די קאנצעטרירונג צו אדרעסירן אינסטיטוציאנאלע און פארשפרייטע אומגלייכקייטן צווישן ראסן און אפשטאמען איז היסטאריש – די קינדערגארטן-צו-בעטשעלארס (K-BA) אינציאטיוו וואס פארבינדט די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק סיטי מיט די ניו יארק סיטי באורד אָוו עדזשוקעישען וועט צושטעלן אן אויסגעפלאסטערטע וועג צו א קאלעדזש דעגרי פאר יעדע ניו יארק סיטי קינד אין פובליק סקול אנגעהויבן אין קינדערגארטן. די K-BA אינציאטיוו איז גענוי וויאזוי עכטע טויש קוקט אויס!"

**פרעזידענט און CEO פון די ביזנעס קאונסיל פון וועסטשעסטער, דר. מארשא גארדאן, האט געזאגט,** "די רעקאמענדאציעס פון די פאנעל זענען נישט נאר די שריט וואס זענען נויטיג אין ניו יארק סיטי, נאר זיי שפיגלען אויך אפ די געברויכן פון די גרעסערע ראיאן, אריינרעכענענדיג די מיד-האדסאן וואלי וואס איז אן אריינגעבויטע טייל פון די עקאנאמישע סיסטעם. ארבעטנדיג צוזאמען, מיט די ציהלן צו ווייזן די וועג, קענען מיר עררייכן א נייע חזון פאר די צוקונפט פון ניו יארק."

**פרעזידענט און CEO פון YMCA of Greater New York, שעראן גרינבערגער, האט געזאגט,** "שטיצן גלייכע וואוקס איז קריטיש צו פארזיכערן אז אלע ניו יארק סיטי קאמיוניטיס קענען בליהען און מצליח זיין. די נייע ניו יארק פלאן פאר שריט שלאגט פאר ספעציפישע סטראטעגיעס און טאקטיקן צו זיכער מאכן אז ניו יארקער האבן די געלעגנהייט צו פולקאם אנטיילנעמען אין די ארבעטסקראפט פון מארגן, שאפנדיג שטערקערע קאמיוניטיס פאר אונז אלע. אין נאמען פון די Y און פון די אלע ניו יארקער וועם מיר דינען, וויל איך באדאנקען גאווערנער האקול, מעיאר עדעמס און די אנדערע פאנעליסטן פאר זייער פירערשאפט ביים אנטוויקלען די ברייטע פלאן פאר שריט."

**פרעזידענט און CEO פון די כינעזיש-אמעריקאנער פלאנירונג קאונסיל (Chinese-American Planning Council), וועין האָ, האט געזאגט,** "עס איז אונז א פארגעניגן צו האבן געווען טייל פון די נייע ניו יארק פאנעל און מיר לויבן אויס די געמיינזאמע פלאן פאר שריט וואס איז אנטוויקלט געווארן. ניו יארק סיטי'ס אזיאנע-אמעריקאנע געגנטער זענען שוין נעגאטיוו באטראפן געווארן צוויי חודשים בעפאר די סטעיט האט זיך אפגעשלאסן אין מערץ 2020 צוליב קאוויד, און דערפאר דארף אונזער סיטי'ס עקאנאמישע ערהוילונג זיין אריינגענעמנד און יושר'דיג. מיר שטיצן דאס אז די פלאן פאר שריט איז קאנצעטרירט אויף מער טשיילד קעיר, פארבעסערטע טראנספארטאציע, פארמערטע האוזינג און פארברייטערטע דזשאב געלעגנהייטן פאר טונקל-הויטיגע קאמיוניטיס, פרויען און מענטשן מיט דיסאביליטיס."

**דיען פון New York University School of Professional Studies, ענדזשי קאמאט, האט געזאגט,** "די נייע ניו יארק פאנעל רעקאמענדאציעס זענען אמביציעז אבער מציאות'דיג ביים העלפן קאמערציעלע דיסטריקטס אריבער די סיטי אויף א וועג וואס קאנצעטרירט זיך אויף אן ערהוילונג וואס נעמט יעדן אריין. גוטע דזשאבס, גוטע בענעפיטן, בויגזאמקייט און די מעגליכקייט פון מענטשן צו פארבעסערן זייער עקאנאמישע מצב זענען קריטיש פאר ניו יארק סיטי, קאמיוניטיס און פאמיליעס. די נייע ניו יארק פאנעל האט געארבעט צו לייגן אלץ פריאריטעט ארבעט פאר די קורצע טערמין צוזאמען מיט פראמינענטע ניו יארק סיטי אינסטיטוציעס צו בעסער שאפן געלעגנהייטן פאר פילע בעפארשטייענדע יארן."

**פרעזידענט פון די האטעל און גערימינג אינדוסטריע קאונסיל ביי די AFL-CIO יוניאן, ריק מאראָקאָו, האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען מעיאר עדעמס און גאווערנער האקול פארן צוזאמברענגען די נייע ניו יארק פאנעל, און אזוי אויך וויל איך באדאנקען אונזערע אנדערע פאנעליסטן פאר זייערע אומשאצבארעביישטייערונגען אין לויף פון די פארגאנגענע חודשים. א יושר'דיגע ערהוילונג פאר די סיטי איז קריטיש פאר די צוקונפט פון ניו יארק סיטי'ס גאסטגעבונג אינדוסטריע ארבייטער וועלכע האבן זיך פארמאסטן מיט טייל פון די שווערסטע שוועריגקייטן אין די פארגאנגענע עטליכע יאר. אזויפיל פון די געדאנקען וועלכע זענען ארויסגעקומען פון די פאנעל וועלן אן א ספק העלפן ברענגען אונזערע מיטגלידער צוריק צום ארבעט, און איך קוק ארויס צו זעהן די געדאנקען ווערנדיג איבערגעטייטשט צו ווערן שריט."

**CEO פון Association for a Better New York (ABNY), מעלוואַ מ. מילער, האט געזאגט,** "די געמיינזאמע פלאן פאר שריט אפפערט א געוואלדיגע געלעגנהייט צו צוזאמברענגען פובליק, פריוואטע און נאָן-פראַפיט פארמישטע פארטייען צו שאפן א בעסערע און מער יושר'דיגע ניו יארק. א קריטישע טייל פון די פלאן וועט זיין צו פארבעסערן די פריינטליכקייט פון אונזערע צענטראלע ביזנעס דיסטריקטס צו איינוואוינער אין אלע פינף בארא'ס, שאפנדיג דערביי אריינגענעמדע געלעגנהייטן פאר וואוקס אזוי ווי מיר קומען ארויס פון די קאוויד-19 פאנדעמיע. ABNY קוקט ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט די גאווערנער, מעיאר און אלע פארמישטע פארטייען צו דורכפירן די פלאן."

**מענעדזשינג דירעקטאר און פון די גרינדער פון Recognize, טשארלס פיליפס, האט געזאגט,** "די נייע ניו יארק פאנעל האט גענומען א פרישע, טיפע בליק אויף קריטישע וועגן צו פאראויס רוקן ניו יארק עקאנאמיש. די תוצאות פון א פארשידנארטיגע און גאר ערפארענע פאנעל זענען געווען ספעציפיש און גוט דורכגעטראכטע רעקאמענדאציעס, און די סיטי און סטעיט זענען געווען קלוג זיי אנצונעמען אלץ א מאפע פאר א געמיינזאמע אגענדע גייענדיג פאראויס."

**פרעזידענט און CEO פון Brooklyn Community Foundation, דר. דזשאָוסעלין רעיני, האט געזאגט,** "עס איז מיר געווען אן עהרע צו פארטרעטן ברוקלין און ארבעטן צוזאמען מיט סטעיט און סיטי פירער צו פארזיכערן אז ניו יארק'ס צוריקקער פלאן רוקט פאראויס אונזער מיטגעטיילטע חזון פאר א מער יושר'דיגע און גלייכע צוקונפט. האבנדיג אריינגעכאפט די שווערסטע קלאפ פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, מוזן טונקל-הויטיגע קאמיוניטיס אין די דרויסנדיגע בארא'ס זיין ביי די הארץ פון אונזער ארבעט צו פארזיכערן אז זיי באקומען די עקאנאמישע געלעגנהייטן און אינוועסטירונג וואס עס קומט זיך זיי אזוי אמת'דיג."

**עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון Queens Theatre און פארזיצערין פון Cultural Institutions Group, טערין סעקרעמאָן, האט געזאגט,** "די פלאן אנערקענט ווי וויכטיג ניו יארק סיטי'ס קולטורישע אינסטיטוציעס זענען פאר די געזונטהייט און וואוקס פון די סיטי. ספעציפישע אינציאטיוון אין די פלאן וועלן פארברייטערן די מעגליכקייטן פון די קולטורישע סעקטאר צו צוציהען און דינען ניו יארקער און באזיכער. ארטיסטן און ארבייטער אין די קולטור אינדוסטריע וועלן בענעפיטירן פון די רעקאמענדאציעס אין די פלאן

– פון די מער צוגענגליכע טראנספארטאציע ביז טשיילד קעיר פאר צוגענגליכע פרייזן – און זיי וועלן אויך שפילן א הויפט ראלע אין די פארווירקליכונג פון מער הערליכע און לעבעדיגע פובליק שטחים. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און פאר מעיאר עדעמס פארן מיר איינלאדענען צו זיצן אויף אז פאנעל וואס קוקט אויף פאראויס און וואס איז געטריבן דורך וויירדן, צוזאמען מיט א געוואלדיגע גרופע פון קאמיטע פירער."

**טראנספארטאציע פרינסיפעל ביי Bloomberg Associates, דזשענעט סאַדיק-קאַן, האט געזאגט,** "די עקאנאמישע צוקונפט פון ניו יארק זיך אויף אריינגעמנדע און פארשידנארטיגע געגנטער וואו מענטשן ווילן זיין און נישט נאר ארבעטן. ניו יארק איז אייביג ארויסגעשטאנען מיט איר שטאנדהאפטיגקייט און שטארקע ערהוילונג פון שווערע צייטן, און דורכן קאנצענטרירן אויף אירע פלעצער און מענטשן, וועט די העלפן די סיטי שרייבן איר קומענדיגע קאפיטל."

**גרונדערין פון Tech:NYC און שותפ'טע אין Hangar, דזשוּלי סעמיוּעלס, האט געזאגט,** "ארבייטער אין טעכנאלאגיע פירמעס וועלן גיין דארט וואו די מענטשן וואס זיי ווילן אויפנעמען זענען, און אסאך פון די טאלאנטן זענען דא אין ניו יארק. מיר ווערן געמוטיגט דערמיט וואס די נייע ניו יארק פאנעל, מיט די שטיצע פון דעם מעיאר און די גאווערנער, איז די זעלבע איבערגעגעבן צו שאפן א לעבעדיגע סיטי וואס איז פרייענטליך צו איינוואוינער און וואו מענטשן ווילן וואוינען. סוקסעס פון די קוק ווינקל וועט אן א ספק ברענגען צו סוקסעס אין אונזער לאקאלע טעכנאלאגיע אינדוסטריע און פאר אלע ניו יארקער, און איך בין באגייסטערט צו זיין א שותף אין די ארבעט גייענדיג פאראויס."

**פרעזידענט און CEO פון מאנהעטען טשעימבער אָוו קאמערס, דזשעסיקע וואלקער, האט געזאגט,** "ניו יארק קען זיך נישט פארלאזן אויף אירע פאריגע הצלות ווען די קאנקורענץ פון ארבייטער וואס ארבעטן פונדערוויטנס איז אזוי גרויס. צום מזל פארשטייען דאס מעיאר עדעמס און גאווערנער האקול. זיי האבן די ווייטע בליק צו צוזאמברענגען די בעסטע מוחות צו העלפן אונזער סיטי צוריק אויפשטיין, פונקט ווי עס האט געטוהן איינמאל און נאכאמאל דורכאויס איר געוואלדיגע היסטאריע. יעצט מוזן מיר אלעס צוזאמברענגען צו דורכפירן די נויטיגע ענדערונגען."

**סיניאר אדווייזאר ביי HR&A, קארל ווייסבראד, האט געזאגט,** "איך אפלאדיר די פרעצענדענטלאזע נאענטע קאאפעראציע צווישן גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס און זייערע מאנשאפטן ביים פראדוצירן די אויסערגעווענטליכע אגענדע פאר שריט. זייער איבערגעגעבנקייט שטייט אין בענעפיט פון די צוקונפט פון ניו יארק אלץ די וועלט'ס מערסט-פראמינענטע שטאט."

**פרעזידענט פון די ריעל עסטעיט באורד פון ניו יארק ( Real Estate Board of New York, REBNY), דזשעימס ווילען, האט געזאגט,** "די נייע ניו יארק פאנעל האט צוזאמגעברענגט פובליק און פריוואטע פארמישטע פארטייען צו ארבעטן צוזאמען אויף פאליסיס וועלכע וועלן אויפלעבן אונזערע צענטראלע ביזנעס דיסטריקטס, פראדוצירן גאר-נויטיגע האוזינג און שטיצן דזשאב וואוקס וואס האט א ווירקונג אויף אלע ניו יארקער. עס איז א פארגעניגן פאר די REBNY צו האבן אנטיילגענומען אין דעם פראצעדור, און מיר זענען באגייסטערט צו שטיצן דאס אויספירונג פון די אמביציעזע פלאן פאר שריט וואס איז היינט אנאנסירט געווארן. א דאנק פאר גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס פאר זייער פירערשאפט אויף אזא קריטישע אנגעלעגנהייט פאר ניו יארק סיטי'ס עקאנאמישע צוקונפט."

**פרעזידענט און CEO פון Regional Plan Association, טאם רייט, האט געזאגט,** "די אמביציעזע און ברייטע פארשלאגן פון די נייע ניו יארק פאנעל וועט פירן די סיטי און ראיאן אויף א וועג צו א יושר'דיגע און שטאנדהאפטיגע ערהוילונג פון קאוויד. די רעקאמענדאציעס וואס דעקן פארשידנארטיגע אנגעלעגנהייטן – פון טוישן קאמערציעלע געביידעס צו וואוינונגען, פובליק פלעצער, האוזינג געלעגנהייטן און פארבעסערטע באוועגונג – זענען צוזאמען א סטראטעגישע בלוּפרינט פאר לאנג-

טערמיניגע פארשריט און עס דעמאנסטרירט די שטארקע קאאפעראציע צווישן די סיטי, סטעיט, פריוואטע און בירגערליכע סעקטארן. מיר זענען גאר איבערגעגעבן צו העלפן דערגרייכן די לויבווירדיגע ציהלן, און מיר באדאנקען גאווערנער האקול, מעיאר עדעמס, ריטש בוּערי און דעם דאקטאראף פאר זייער פירערשאפט ביים אדרעסירן די פונדאמענטאלע אנגעלעגנהייטן."

**פרעזידענט און CEO פון Partnership for New York City (שותפות פאר ניו יארק סיטי), קעטרין ווײלד, האט געזאגט,** "די פלאן רוקט פאראויס די קאאפעראטיווע באמיאונגען פון גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס צו אננעמען א געמיינזאמע חזון פאר אונזער שטאט'ס צוקונפט נאכן פאנעדעמיע. עס רעכנט אריין שריט וואס א ברייטע קאאליציע פון ניו יארקער וועלכע האבן אנטיילגענומען אין די נייע ניו יארק פאנעל זענען גרייט צו העלפן אויספירן."

**פרעזידענט און CEO פון South Bronx Overall Economic Development Corporation (סאוט בראנקס אלגעמיינע עקאנאמישע אנטוויקלונג קערפערשאפט), לוּרדעס זאפאטע, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס דארפן אויסגעלויבט ווערן פאר זייער פרעצעדענטלאזע שותפות ביים צוזאמברענגען די געוואלדיגע גרופע פון פירער און פאר די ארבעט וואס איז געטוהן געווארן צו זיך אויסמשל'ן פונדאסניי די צוקונפט פון אונזער שטאט און ראיאן. די דגש אויף א יושר'דיגע ערהוילונג און די קלוגע און שטאפלווייזע צוגאנג צו לייזן פראבלעמען וועט פארזיכערן אז די ציהלן פון די פלאן, וואס זענען אנטשיידן און אמביציעז, וועלן אנקומען צו יעדע ווינקל פון אונזער שטאט. עס איז א פליכט אויף אונז אלע צו זיכער מאכן אז די ברייטע פלאן ווערט אויסגעפירט צו פארזיכערן די אנגייענדע הצלחה פון אונזערע קליינע ביזנעסער, צו פארזיכערן שטארקע שטיצע פאר אלע קאמיוניטי מיטגלידער, באזונדערס די BIPOC און גרופעס וועלכע זענען בכלל באזייטיגט, און צו פארזיכערן א פונדאסניי אויסגעמשל'טע שטאט וואס איז פאסיג פאר צוקונפטיגע דורות און וואס עס קומט זיך זיי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418